NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13096

KINDER-LIDER

Isaac Leib Peretz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

קינדער-לידער

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

YIDDISH SCIENTIFIC
NEW YORK

פארלאג
„קולטור-ליגע"
ווארשע.

י. ל. פרץ

דר. י. א. סעריסאן

קינדער-לידער

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פארלאג
„קולטור-ליגע"
ווארשע.

געדרוקט אין 4000 עקז.

װארשע, 1921.

Pieśni dla dzieci. I. L. Pereca. Wyd. „Kultur-Lige". Warszawa, 1921

Druk. I. Hendlera. Warszawa, Długa 26.



וויגליד.

שטייט אין פעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווייגעלעך,
זיצט דערויף אַ פייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווייגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע,
מאַך צו, מיין קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דיין קעפּעלע!

אויף די גרינע צווייגעלעך
שלאָפן שוין די פייגעלעך
די מאַמע זינגט זיי: אַ! — אַ! — אַ!
ס'איז אַ שטילע נאַכט: אַ! — אַ!

קעצעלע, שטיל!

קעצעלע, שטיל! מייזעלע, שטיל!
מיין אוצרל שרין שלאָפן וויל.

קעלבעלע, קעלבעלע, נישט געמעק׳ט
און מיין אוצרל נישט געוועקט!

ווייע נישט דו, ווינטעלע,
שטילער, שטילער, הינטעלע,

אין מויל פאַרבייס דאָס צינגעלע,
שלאפן וויל מיין יינגעלע.

אַ גוטע נאַכט!

צוגעדעקט די פיסעלעך —
איך ברענג דיר מאָרגן ניסעלעך.
פרישע ניסעלעך פון וואַלד,
זאָלסט מיין קינד נאָר שלאָפן באַלד.

דרימלט איין מיין קינדעלע פעסט,
קומען באַלד די ליבע געסט:
קומען, קומען אָן צו פליגן,
מלאכימלעך מיט זיסע אויגן.

די פייגעלעך פון לויטער גאָלד,
זיי האָבן שטילע קינדער האָלד,
און זיי קומען צו באַהיטן,
צו באַהיטן און באַשיצן —

מיט חלומות שטילע, שיינע,
ווי עס פאַסט פאַר קינדער קליינע.
מאַך נאָר צו די אייגעלעך!
זיי פליען אָן, ווי פייגעלעך.

הערסט, מיין קינד, הערסט, מיין קרוין,
די פליגעלעך זיי רוישן שוין!
זיי פליען אָן, ווי פייגעלעך,
מאַך נאָר צו די אייגעלעך,

שטיל, די אייגעלעך פאַרמאַכט,
האָב אַ גוטע, זיסע נאַכט!

דער פויגל.

אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וואונדערלעכער פויגל שאַלט:
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ!

איז אַ יינגל צוגעלאָפן,
און דער פויגל איז אַנטלאָפן:
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ!

— וואָס אַנטלויפסטו? — ס'יינגל שרייט —
נישט געוואָלט דיר טאָן קיין לייד:
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ!

כ'בעט דיך, פויגל, פויגל, בלייב!
און דער פויגל: איך נישט גלויב:
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ!

אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וואונדערלעכער פויגל שאַלט:
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ!

אַ רעגנדל.

אוי, קינדערלעך, אוי, קינדערלעך,
אַ רעגנדל גאָר וואונדערלעך,
שמעקעדיקע טרעפּעלעך!

אַ רעגנדל איז גאָטס געגאָד,
קומט אַרויס און טאַנצט אַ ראָד
מיט בלויזע פיס און קעפּעלעך!

גאָרנישט קלערן, גאָרנישט פרעגן,
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגען!

נאַק'טע קעפּלעך, נאַק'טע פיס,
וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז
ביזן הימל צו דערלאַנגען!

אונטערן רעגן.

גיך אַראָפּ־די מיצעלעך!
פֿאַר דינערלעך, פֿאַר בליצעלעך,
שטייף אויסגעגלייכט ווי פלאַקסן!

זאָל רעגן נעצן קעפּעלעך,
ווי באַרעלעך און עפּעלעך,
וועלז מיר גיכער וואַקסן.

ל"ג בעומר.

ל"ג בעומר היינט! ל"ג בעומר היינט!
הינדעלעך, אַללאָ!
ביי די פערזלעך נישט געדרייט זיך!
און דו, שמייסער, וויאָ!

פול קינדערלעך אין וועגעלע,
ווי דער מאָן אין זאַק!
שמייסער, דו, די לייצעס נעם
און די בייטש, און קנאַק!

אינדערלופטן, יומטובדיק,
קיין פערדעלע נישט ריר!
ל"ג בעומר היינט, ל"ג בעומר היינט —
מאַכ' מיר אַ שפּאַציר!

אַ שפּאַציר אין וואַלד אַריין
מיט די פיילנבויגן!
האָבן פייגעלעך דערזען
און אַוועקגעפלויגן!

דער שיפער.

ס׳הזט דער רעגן אויפגעהערט,
זער הימל איז שוין אויסגעקלערט.
נאָך די דעכער זיינען נאַס,
רינען טייכעלעך אין גאַס.

רינען, וויינען, רינען...
כ׳האָב מיין שיפעלע געפונען,
אויפן וואַסער עס געלאָזט –
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,

יאָגט מיין שיפעלע געשווינט.
— אויף די פליגלען פונם ווינט
פלי דיר, פלי, מיין שיפעלע! —
און וואוהין פליסטו מיין שיפעלע?

— צו דער פרייער וועלט, אַהין,
וואו ס׳איז ליכטיק,
וואו ס׳איז גרין,
פויגל זינגט, בלומען בליט!

— שיפעלע, שיפעלע, נעם מיך מיט!

אויפן גרינעם בערגעלע.

אויפן גרינעם בערגעלע
וואַקסט אַ יונג ביימעלע,
וויל דאָס ביימעלע ניט שלאָפן,
די לבנה טוט עס שטראָפן.

„צייט דיר דרעמלען, ביימעלע,
אויפן גרינעם בערגעלע!"
אזוי זאָגן אויך די שטערן,
נאָר דאָס ביימעלע וויל נישט הערן,

וויל נישט צומאַכן די אויגן —
איז אַ ווינטעלע צוגעפלויגן
צו דעם גרינעם בערגעלע,
כאַפּט אַרום דאָס ביימעלע,

שאַקלט שטיל און וויגט עס איין:
ביימעלע, ביימעלע, רויק זיין!
שלאָפן מוז מען, ביימעלע גרין!
וויגט אַהער, וויגט אַהין.

דרעמלט איין דאָס ביימעלע
אויפן גרינעם בערגעלע...

דער יעגער.

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זייז,
יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַריין,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער, —
וואו נעמט מען געווער?

אונזער יאַנקעלע דערזעט:
אין ווינקעלע אַ בעזים שטייט
מיטן בעזים וועט ער יאָגן
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן!

ער קאָן אין שטוב שוין מער ניט בלייבן,
וויל דעם בעזים אונטערהויבן,
שווערער בעזים קערט זיך איבער,
און דער יעגער פאַלט אַריבער.

נישט קיין בער און נישט קיין האָז,
און צעשלאָגן זיך די נאָז!
ער וויל שוין ניט אין וואַלד אַריין,
ער וויל שוין ניט קיין יעגער זיין!

טאַנץ, טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ!

טאַנץ, טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
מיטן בלומען־קראַנץ!

זעסט, דער הימל לאַכט מיט טרערן,
ווּעסט אינגיכן אַ כלה ווערן.

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
מיטן בלומען־קראַנץ!

קלעזמער, שפּיל, קלעזמער, שפּיל!
טאַנצן וויל מיין מיידעלע!

טאַנצן וויל מיין מיידעלע!
אינם פיינעם קליידעלע

טאַנצט עס מיט געפיל,
שפּיל, קלעזמער, שפּיל!

טאַנץ, טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
מיטן בלומען־קראַנץ!

באַל=שפּיל.

צו דער וואַנט!
שפּרינג צוריק!
אין אויגן=בליק
צו דער וואַנט,
פון דער וואַנט,
צוריק צו מיר!
איינס און צוויי,
דריי און פיר!
פינף און זעקס,
שטאַרקער קלאַפּ!
שטאַרקער קלאַפּ,
איך וואַרף און כאַפּ,
וואַרף און כאַפּ,
אַהין=צוריק!
זיבן, אַכט!
דאָס מייסטער=שטיק
איז אָפּגעמאַכט!

ברייטעלע.

ברייטעלע, ברייטעלע,
ברייטעלע קליין:
אַ ברייטעלע זאָל דאָך קיילעכדיק זיין!

און צינד
געשווינט
אין אייוועלע אַריין!

גענוג אין אייוועלע געזעסן:
— האַם האַם האַם!
אויפגעגעסן.

אַ שנייעלע.

אַ שנייעלע פליט,
אַ שנייעלע פאַלט,
די שנייען פאַרשיטן דאָס פעלד און דעם וואַלד!

דאָס טייכעלע פרירט
דאָס טייכעלע שטייט —
דאָס קלאָרינקע טייכל מיט שנייען פאַרווייט!

דאָס שטיבעלע ווייס,
די פענסטער מיט אייז,
ביים שטיבל, אין גערטל, אַ ראָב זוכט זיך שפּייז!

דער ראָב שרייט: קררא־אַ!
אַ לשון אזא.
ראָב, נאַ דיר, מיין קיכעלע.

טראַ־לאַ־לאַ־לאַ!

—

אינהאַלט:

	זייט
וויגליד	3
קעצעלע, שפּיל	4
אַ גוטע נאַכט	5
דער פויגל	6
אַ רעגנדל	7
אונטערן רעגן	8
ל״ג בעומר	9
דער שיפער	10
אויפן גרינעם בערגעלע	11
דער יעגער	12
סאַנק, סאַנק, מיידעלע, סאַבאַ	13
באַל־שפּיל	14
ברייסעלע	15
שנייעלע	16

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“ וואַרשע.

אנדערסענס מעשהלעך:

יידיש דער נסתר

מיט אילוסטראַציעס 20 דרוק-בויגן

פרייז 500 מאַרק, געבונדן 600.

1. די מוטער. 2. דאָס העסליכע קאַטשערל.
3. דער זינג-פויגל. 4. דאָס מיידעלע מיט די שוועבעלעך.
5. דער גרויסער קלויס און דער קליינער קלויס.
6. דער גן-עדן. 7. האַנס דער נאַר.
8. די פּרינצעסין אויפן אַרבעסל. 9. דאָס ים-טעכטערל.
10. אָלע-לוק-אָיע. 11. די ווילדע שוואַנען. 12. ברויזעלע.
13. די גריקע. 14. די שניי-מלכה. 15. דעם מלכס נײַ קלייד.
16. די מאַרגאַריטקע. 17. דער ליין.
18. די בלומען פון דער קליינער אידאַ.
19. דאָס טענענביימל. 20. דאָס בלייערנע סאָלדאַטעלע.
21. אַלץ, וואָס דער אַלטער זאָל נישט טאָן, איז גוט.

קלאַסיקער-ביבליאָטעק פאַר יוגנט.

מענדעלי מוכר ספרים

מסעות בנימין השלישי

(פאַרקירצט פאַר יוגנט).

פרייז 120 מאַרק.

מענדעלי מוכר ספרים

דאס קעלבל

מיט אילוסטראַציעס פון יוסף טשייקאָוו.

פּראַכט אויסגאַבע פרייז 60 מאַרק.

דער אַלגעמיינער שמועס אין פאָלקס-שול

פאָרוואָרט פון ש. גילינסקי.

פרייז 75 מאַרק.